# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' שלח
תשפ"א לפ"ק
גליון קע"ב



## פראגע

**פרויען באקומען א באזונדערע עולם הבא אדער זיי האבן עס בשותפות מיט זייערע מענער?**

## ענטפער:

דער ענטפער איז: עולם הבא איז קיינמאל נישט די זעלבע פאר צוויי מענטשן. עס זענען נישט דא קיין צוויי יחידים וואס האבן די זעלבע עולם הבא. "מלמד שכל צדיק וצדיק יש לו חופה לפי כבודו" – יעדע צדיק האט א חופה לויט זיין כבוד, לויט וויפיל ער האט זיך פארדינט. קיינער איז נישט אייניג אין עולם הבא.

יעצט שטעלט זיך די שאלה בנוגע פרויען בכלליות, וועלן זיי האבן א שוואכערע סארט כבוד ווי מענער? און דער ענטפער איז אז נישט. יעדער מענטש האט **געלעגנהייטן** אין לעבן און יעדער באקומט שכר פונקטליך לויט די וועג וואס זיי האבן אויסגענוצט זייערע געלעגנהייטן.

דער אמת איז אז פרויען האבן א הבטחה וואס מענער האבן נישט. עס שטייט "גדולה הבטחה!" – עס איז גרעסער די הבטחה וואס דער אויבערשטער האט פארשפראכן פאר פרויען. דער באדייט דערפון איז ווי פאלגענד: פרויען זענען נישט אויסגעשטעלט צו די שוועריקייטן וואס מענער האבן – און זיי האבן אויך נישט אזויפיל געלעגנהייטן ווי מענער. זיי האבן **ווייניגער נסיונות**.

איין ביישפיל: מענער האבן געלעגנהייטן, און אויך א דראנג, פאר מער גאוה. א מאן האט א בארד; א בארד מאכט די גאמבע אויסקוקן גרעסער, איר דארפט עס וויסן. א בארד מאכט א גרויסע גאמבע; עס מאכט דעם מאן אויסקוקן מער אויטאראטיוו. ווידעראום פרויען זענען מער באשיידן; זיי ענדלען מער אין קינדער. זיי זענען איידעלער, זיי זענען נאטירליך מער צוריקגעצויגן.

יעדער איינער ווייסט, אויב מען האט יונגלעך און מיידלעך צווישן די קינדער, ווייסט איר אז פאר די יונגלעך באקומט מען מער עולם הבא פאר'ן זיי ערציען... א פרוי מיט אסאך יונגלעך, זאגט מען וועגן איר אז זי וועט נישט זען דעם פתחו של גיהנם. זי וועט אפילו נישט זיין דעם אריינגאנג פון גיהנם, ווייל זי האט עס שוין געהאט אויף דער וועלט.

אודאי איז עס אויך א פרייליכע זאך. ענדליך ווען איר מאכט שוין חתונה די בחורים און די אנדערע זייט וועט דארפן מאכן די חתונה און געבן נדן. אבער עס דויערט אפאר יאר ווילאנג מען מאכט זיי חתונה, און אופציען זון איז א גרויסע ארבעט, ווייל יונגלעך זענען מער קריגעריש. קיין שום פראגע אז יונגלעך האבן א היציגע גייסט וואס מיידלעך האבן נישט.

יונגלעך אבער, טאקע צוליב דעם טרייב-קראפט, קענען אויפטון מער ווי מיידלעך און וועגן דעם ווערט פאר זיי געגעבן מער געלעגנהייטן ווי מיידלעך אינדרויסן פונדערהיים. פרויען זענען אָנגעלאדנט מיט פליכטן פון א היים; זיי קענען נישט איבערלאזן די קינדער און לויפן צו שחרית – זיי דארפן בלייבן אינדערהיים און זיך אפגעבן מיט די קינדער. און דאס איז זייער נאטור – דער אויבערשטער האט זיי געגעבן געוויסע אינסטינקטן, וואס קענען די בעסטע אויסגענוצט ווערן אינדערהיים. די אינסטינקט פון רחמנות. דאסווארט **רחמנות** קומט פונעם ווארט **רֶחֶם**; דאס איז א פרויענישע אינסטינקט, צו האבן רחמנות. און אויך א ליבשאפט צו קינדער, און אזוי ווייטער. במילא, פרויען קענען ווערן גרויס צווישן די פיר ווענט פון זייער הויז – אבער זיי האבן נישט די געלעגנהייטן און סכנות וואס מענער האבן.

מענער גייען ארויס אין קאנפליקטן. אסאך מאל איז דא א מחלוקת אפילו צווישן חכמים, צווישן גדולים. און אסאך מאל פירן מחלוקת אויך צו אנדערע זאכן חוץ ריין תורה מחלוקת, און עס ליגט דארט א גרויסע אחריות. שאול און

המלמד תורה לעמו ישראל!
בסייעתא דשמיא גרייטן מיר זיך בקרוב צו גיין צום דרוק אויפ'ן רייכן
ספר רבי אביגדור ענטפערט - חלק ב'
כדי צו ערמעגליכן די מאסיווע הפצת התורה והשקפה טהורה צווישן כלל ישראל האבן מיר אצינד עוועילעבל
עטליכע זעלטענע זכותים נדירים לזכות את הרבים
אויב ווילט איר האבן א חלק אין אזא הייליגן פראיעקט, אדער איר ווייסט פון עמיצען וואס וואלט געווען אינטערעסירט אין א זכות פטרון הספר, ביטע פארבינדט זיך מיט אונז, דורכ'ן רעפלייען צו דעם אימעיל.
אדער רופן 845-200-1675

דוד זענען ביידע געווען גרויסע צדיקים, אבער שאול איז פארפירט געווארן אין א געוויסן זין דורך זיין מענערישקייט, דורך זיין רצון צו בלייבן קעניג. ער האט געשפירט אז ס'איז זיין אחריות און אין א געוויסע מאס איז ער פארפירט געווארן דורך דעם. די מלכה פון שאול און די מלכה פון דוד האבן נישט געהאט קיין שום מחלוקת צווישן זיך. קיינער פון זיי איז נישט געווען קריגעריש; זיי האבן נישט געהאט די שטארקייט וואס דער אויבערשטער האט געגעבן פאר מענער. וועגן דעם איז "גדולה הבטחה" – ס'איז גרעסער די פארשפרעכונג וואס איז געגעבן געווארן צו פרויען.

עס שטייט "נשים שאננות בוטחות" – שטילע טעכטער, טעכטער וואס פארלאזן זיך. עס מיינט אז דער אויבערשטער זאגט, "איר קענט זיך פארלאזן אויף מיר, ווייל אייער שכר איז גאראנטירט."

פון די אנדערע זייט, מענער קענען עררייכן מער גדלות, ווייל אויב זיי נוצן ריכטיג אויס זייער מער היציגע נאטור, זייער טרייב-קראפט, קענען זיי וואקסן גרעסער. אבער ס'איז אויך א גרעסערע איינשטעל.

אבער דאך, אין א געוויסע זין זענען מענער און פרויען יא שותפים אין די שכר פון עולם הבא. ווייל אין צוגאב צום ערשטן יסוד אז יעדער ווערט באלוינט לויט זיינע געלעגנהייטן – ווייל א פרוי קען ווערן גרויס אין איר לעבן פונקט ווי א מאן ווערט גרויס אין זיין לעבן – קומט אבער צו א תחום וואו זיי טיילן זיך בשותפות מיט זייער שכר. און דאס איז ווען א פרוי איז חתונה געהאט צו א מאן וואס שטייגט פאראויס אין עבודת השם און זי העלפט ארויס אין די הינטערגרונד מיט חיזוק, און ער דארף אויך א היים, ער דארף אלע געברויכן פון לעבן וואס זאל אים ערמעגליכן אנצוהאלטן. און אודאי אויב זי איז די וואס שטיפט אים אריינצולייגן נאך מער כוחות, האט זי אודאי א גרויסע חלק. דערפאר איז דא א געלעגנהייט פאר פרויען צו ווערן שותפים אפילו אין די דערגרייכונגען פון מענער.

פרויען קענען אויך עררייכן מער דורך זייערע זון, אדער אויב זיי מאכן חתונה זייערע טעכטער צו תלמידי חכמים. ס'איז א גרויסקייט פאר פרויען ווען זייערע קינדער, אדער זייערע אייניקלעך, אדער זייערע איידימער, זענען אריינגעטון אין דעת ה' און זענען עוסק אין תורה און מצוות; עס ווערט אלעס צוגעשריבן צו די עלטערן, מענער און פרויען.

אלזא וועלן מיר מאכן א סך הכל, און צעטיילן דעם ענטפער אין צוויי:

פרויען פאר זיך אליינס ווערן באלוינט לויט זייערע געלעגנהייטן און קיינער גייט נישט שאדן האבן ווייל ער איז נישט באשאפן געווארן א מאן אדער א פרוי; יעדער מענטש וועט באקומען שכר לויט זיינע אדער אירע אייגענע מעשים.

אבער אין צוגאב זענען דא געוויסע זאכן וואס א מאן און פרוי טיילן זיך אינאיינעם, ווייל אין דעם זענען זיי שותפים. אזוי ווי רבי עקיבא. ווען רבי עקיבא איז צוריקגעקומען נאך 24 יאר און ער איז געווארן א רבי פאר כלל ישראל, און יעדער איז געקומען אים אפגעבן כבוד, האט רבי עקיבא געזאגט (נדרים, נ, ע"א): "שלי ושלכם שלה הוא" – מיין תורה און די תורה וואס ענק האבן געלערנט פון מיר, איז איר'ס, ווייזנדיג אויף זיין פרוי רחל, די פרוי וועם ער האט נישט געזען פאר 24 יאר. ער האט געזאגט, "די פרוי איז פאראנטווארטליך פאר אלע תורה וואס איך האב, און אלע תורה וואס ענק האבן געלערנט פון מיר."

יעצט ווען מיר קוקן צוריק אויף אונזער היסטאריע, די גמרא זאגט וועגן רבי יהודה, רבי מאיר, רבי שמעון, רבי אלעזר בן שמוע און רבי יוסי, וואס זענען געווען די תלמידים פון רבי עקיבא, און די גמרא זאגט אז אונזער גאנצע תורה וואס מיר האבן קומט פון די פינף חכמים, וואס זענען געווען די תלמידים פון רבי עקיבא. אבער רבי עקיבא זעלבסט איז געווען א רעזולטאט, ער איז געווען א פראדוקט וואס איז געווארן א תלמיד חכם דורך די גייסט פון איין פרוי, רחל. איז דא האבן מיר רחל, די ווייב פון רבי עקיבא, וואס איז אייגנטליך די רבי פון גאנץ כלל ישראל.

עס איז מעגליך פאר א פרוי צו עררייכן די צווייטע סארט פארעם פון גרויסקייט, אין צוגאב צו איר אייגענע נאטור און אינסטינקטן און אייגנשאפטן וואס געבט איר געלעגנהייטן צו קונה זיין שלימות פאר זיך אליינס.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!




דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!

אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

**עונג שבת/גוט שבת** שע"י **מערכת להתענג**

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב